NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13067

DNYEPRBOY

I. Rosh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראָש

דניעפּערבוי

...שטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

PRINTED in U.S.S.R.

מעלוכע פאַרלאַג פאַר די נאַציאָ-
נאַלע מינדערהײַטנ אינ אוסר״ר

כאַרקאָוו 1932 קיִעוו

די ביבליאָגראַפישע פֿאַרצייכענונג
פֿונעם בוך און די שיפֿערן פֿאַר
ביבליאָטעק־קאַטאַלאָגן זײַנען אָפּגע-
דרוקט אין „צײַטשריפֿט פֿון דרוק־
און אין דעם „קאַרטן־רעפּער-
טואַר“ פֿון דער אוקראַיִנישער
ביכער-פּאַלאַטע.

רעצענזירט — ראָזענבליום
ליטרעדאַקטער — מ. שאַפּיראָ
רעדאַקטער — מאָרדווינאָוו
קאָרעקטער — אי. שטולמאַן
טעכנאָנפירער — אי. בורגאַנסקי.

אינטערנאַציאָנאַלע דרוקערײַ
קיִעוו, רויטער פּלאַץ 2а. באַשט. נ. 1042, פּ|י 1 בויגן
3000 עקז. אוקרהויפּטליט נ. 1704(939)

אביסל געשיכטע

טויזנטער יאָרן האָט די דניעפּרישע סטיכיע פּראַנק און פרײַ געבושעוועט און געוועלטיקט איבערן מענטשנס לעבן, ווילן און טאַט. דער דניעפּער — דער גרעסטער לויט דער לענג טײַך אין אוקראַינע, וואָס ציט זיך אַף טויזנטער קילאָמעטער (2258 קמ) און שנײַדט דורך מיט זײַנע וואַסערן פון צאָפן אַף דאָרעם די ראַיאָנען פון סמאָלענסק און מאָלעוו, קיִעוו און דניעפּראָפּעטראָווסק, זאַפּאָראָזשיע און כערסאָן, — דערדאָזיקער טײַך האָט טויזנטער יאָרן לאַנג מיט דער הילף פון זײַנע שוועלן געהאַלטן דעם מענטשן אין זײַנע הענט.

מיט זייערע פעלדזן-ווענט האָבן די שוועלן (מע ציילט זיי אָן 8), וואָס ציִען זיך אַף 90 קילאָמעטער פון דניעפּראָפּעטראָווסק ביז זאַפּאָראָזשיע, איבערגעקרייצט דעם דניעפּער און געשפּאָלטן אים אַף צוויי קימאַט אָפּגעריסענע איינער פון צווייטן טיילן, און ניט דערלאָזט אַף אים קיין דורכויסיקן נאָרמאַלן שיפגאַנג, — געשפּילט מיט די שיפן און מענטשנס לעבן. אַזוי האָט זיך עס געפירט יאָרנלאַנג.

יאָרנלאַנג אַרבעט דעם מענטשנס געדאַנק איבער דער פראַגע, ווי צו באַקעמפן דידאָזיקע שוועלן, שטעלן דעם

דניעפּער צו דינסט די נויטנ אונ באַדערפענישנ פונעמ מענטשנ.

מע דערציילט, אַז די פּראָיעקטנ אונ פּלענער וועגנ באַהערשנ דעמ דניעפּער, וואָס האָבנ זיכ אָנגעזאַמלט אינ די צאַרישע צײַטנ, וועגנ ביז 14 טאָג. אָבער די דניע־פּרישע שוועלנ מיט זייער מעכטיקער אונ שטורמישער סטיכיע זײַנענ פונ אונטער דער לאַסט פונ די דאָזיקע 14 טאָג וואָגיקע פּראָיעקטנ אונ פּלענער אַרויס אומבאַזיגט, ווײַל ניט אינ די באַדינגונגענ פונ דער צאַרישער מאַכט איז מעגלעכ געווענ אַזאַ אַרבעט פונ ברייטסטנ מאַסשטאַב צו אָרגאַניזירנ אונ דערפירנ ביזנ סאָפ. די צאַרישע מאַכט איז ניט פייִק געווענ אַפ אַזוינע זאַכנ.

אונ ס'איז גאַנצ פאַרשטענדלעכ פאַרוואָס.

אויב אַ טייל פונ די פּראָיעקטנ אונ פּלענער זײַנענ פונ טעכנישנ שטאַנדפּונקט מער אָדער ווייניקער אַפילע געווענ צוגעפּאַסט, זײַנענ זיי אָבער מאַכמעס די פּריוואַט־אייגנ־טימערישע באַדינגונגענ אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד געווענ אַבסאָליוט ניט לוינעוודיק, ניט מעגלעכ.

ווענ די צאַרישע מאַכט וואָלט זיכ אַפילע געפּרוּווט פאַרווירקלעכנ איינעמ פונ די פּראָיעקטנ, וואָלט זי באַדאַרפט אויסגעבנ קאָלאָסאַלע מיטלענ בלויז אַפ אויסצוקויפנ בא די פּריצימ, גראַפנ אונ פירשטנ זייער ערד אונ גיטער, וואָס האָבנ זיכ צעוואָרפנ אַפ די ברעגנ פונ דעמ שוועלנ־טייל פונ דניעפּער: דיזאָזיקע ערד האָט מענ געדאַרפט פאַרטרינקענ, קעדיי אויפצוהייבנ דאָס וואַסער אונ פאַר־טרינקענ די שוועלנ. מיר ריידנ שוינ ניט וועגנ דעמ ווי־

דערשטאנד פון די פריצים, וואָס האָבן יעדעס מאָל ארונטערגעריסן אין די העכערע רעגירונג־אָרגאנען איין פראָיעקט נאָכן צווייטן.

לענין האָט אמאָל (אין 1899־טן יאָר) אזוי כאראַקטער־ריזירט דאָס צארישע רוסלאנד:

„אין קיין שום קאפיטאליסטיש לאנד זיינען ניט גאנץ געבליבן אין אזא צאָל אינסטיטוציעס פון אמאָל, וואָס זיי איז ניט צונויפצופּאָרן מיטן קאפיטאליזם, וואָס זיי פארהאלטן זיין אנטוויקלונג, וואָס פארער־גערן אָן א שיר די לאגע פון די פּראָדוצירערס, וועלכע ליידן „סיי פונעם קאפיטאליזם, סיי פון דער ניט גענוגנדיקער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם".

א געוויסע ראָלע האָט אויך געשפּילט די צארישע באַ־ציִונג צו אוקראַיִנע, ווי צו א קאָלאָניע. די ווידערשפּרוכן פון דעם האלב־פעאָדאלן, האלב־קאפיטאליסטישן צארישן רוסלאנד האָבן ניט דערלויבט צו רעאליזירן אפילו די פראָיעקטן אונ פּלענער, וואָס זיינען דאן אופגעשוווּמען. מע דארף דערביי צוגעבן: אין פארגלייך מיטן פראָפעסער אלעקסאנדראָווס פראָיעקט, וואָס די ראטנמאכט האָט שוין בא היינטיקן טאָג פולקאָם רעאליזירט, זיינען יענע אלע פראָיעקטן נישטיקע, האלבע, אונ ניט פארפולקומטע. אָבער אפילו דידאָזיקע פראָיעקטן האָט די צארישע מאכט ניט געקאָנט רעאליזירן.

אָבער געקומען איז דער טאָג, ווען דער גורל פון די שוועלן איז ווירקלעך געלייזט געוואָרן:

דעם 7־טן פעווראל 1927 יאָר האָט די רעגירונג פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט אין אוקראַינע אַרויסגעטראָגן איר היסטאָרישע באַשטימונג וועגן ד ניעפּערבוי.

בלויז אין די באַדינגונגען פון ראַטנמאַכט, פון פּלאַנעווער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, איז מעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן אַזאַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, ווי דער דניעפּערבוי, וואָס איז פייערלעך געעפנט דעם 10 אָקטיאַבער 1932 און האָט באַקומען דעם נאָמען „דניעפּרישע עלעקטרישע הידראָ־סטאַנציע אָפּ לענינס נאָמען" („דניעפּרהעס").

„ניטאָ אַזעלכע פעסטונגען, וואָס באָלשעוויקעס זאָלן זיי ניט קאָנען איינעמען" — די דאָזיקע ווערטער דעם כ׳ סטאַלינס זיינען דאָך געזאָגט געוואָרן ניט אין דער וועלט אַריין.

אין 2 יאָר אַרום נאָך דער רעגירונג־באַשטימונג, אויף דער סעסיע פון וווציק, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן דניעפּערבוי גופא, האָט כ׳ סוכאָמלין אין זיין וואָרט שוין געקאָנט פעסטשטעלן, אַז:

„די מעכטיקע סאָציאַליסטישע מי האָט שוין באַקעמפט דעם בושעוודיקן דניעפּער און אין א גרויסער מאָס אים פאַרקאָוועט אין בעטאָן און אין אייזן".

און דאָס, וואָס האָט געקלונגען ווי א מייסעלע:

„מיט א בעטאָן־וואַנט פון איין ברעג צום צווייטן, מיט א ה עבליע, וועלן מיר צוימען דעם טייך. אויף 37 מעטער וועט זיך אויפהייבן דאָס וואַסער און וועט

פארטרינקען דעם דניעפּער. דער דניעפּער אין זײַן גאנצער לענג וועט ווערן א שיפגאנג־טײַך. ברייט וועלן זיך צעגיסן די דניעפּער־וואסערן. זיי וועלן פארטרינקען ביז 16 טויזנט העקטאר ניט קיין פרוכטבארע ערד. זיי וועלן פארטרינקען קיטשקאס און צוזאמען מיט אים נאָך 2—3 צענדליק דערפער. דערפאר אָבער וועט דאָ געשאפן ווערן די מעכטיקסטע אין דער וועלט וואסער־סטאנציע (הידראָ־עלעקטראָצענטראל). פונדאנעט וועט לויפן ענערגיע פארן דניעפּער־קאָמבינאט, פארן דאָנבאס, פאר דניעפּראָפּעטראָווסק און פאר דער סאָציאַליסטישער גרויס־זאפּאָראָזשיע",—

איז עס בא הײַנטיקן טאָג שוין געוואָרן א לעבן־פאקט.

דעם 28 מארט 1932 האָבן די דניעפּערבוי־ארבעטער, און צוזאמען מיט זיי דער גאנצער ארבעטער־קלאס און אלע ארבעטנדיקע, געפײַערט דעם אנטשיידענעם זיג אף דער הרעבליע: מע האָט פארענדיקט בעטאָנירן די „קאם" פון דער הרעבליע.

דעם 1־טן מײַ 1932־טן יאָר — האָט די דניעפּרישע הידראָעלעקטרישע סטאנציע דערלאנגט דעם ערשטן שטראָם פון די ערשטע אירע דרײַ טורבינעס; גלײַכצײַטיק הייבן אָן ארבעטן באזונדערע זאוואָדן און צעכן פונעם גיגאנטישן דניעפּער־קאָמבינאט.

דעם 10 אָקטיאבער 1932 האָבן שוין געארבעט 5 מעכטיקע טורבינעס.

א טייל פונעם „גאָעלראָ"־פּלאַן

דער געדאַנק וועגן דניעפּערבוי איז אופגעשווומען נאָך אין 1921־טן יאָר אין פּראָצעס פון אויסאַרבעטן דעם באַוווּסטן „גאָעלראָ"־פּלאַן (דאָס איז דער ערשטער סאָציאַליסטישער 10־יאָריקער פּלאַן פון עלעקטריפיצירן דאָס ראַטנלאַנד). דניעפּערבוי איז דער גרעסטער אָביעקט פונעם „גאָעלראָ"־פּלאַן.

— דאָס איז אונדזער צווייטע פּאַרטיי־פּראָגראַם, — אַזוי האָט לענין כאַראַקטעריזירט דעם „גאָעלראָ"־פּלאַן. אַזאַ קאָלאָסאַלן באַטײַט האָט די פּאַרטיי און איר פירער לענין שוין דאַן, אין די שווערסטע יאָרן פון הונגער, קעלט און רויִנירונג, צוגעגעבן דעמדאָזיקן פּלאַן.

— ראַטנמאַכט פּליוס עלעקטריפיקאַציע פונעם גאַנצן לאַנד איז — קאָמוניזם! — אַזוי האָט לענין אונטערגע־שטריכן דעם קאָלאָסאַלן באַטײַט פון דער עלעקטריפי־קאַציע אין אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג.

ווי באַוווּסט, האָבן מיר דעם „גאָעלראָ"־פּלאַן שוין בײַ הײַנטיקן טאָג אויסגעפילט, און צום סאָף 1932 יאָר וועלן מיר אים ווײַט איבערשטײַגן.

לענינס ווערטער ווערן באָלשעוויסטיש פאַרוואַנדלט אין טאַט: די XVII פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן, אַז צום סאָף צווייטן פינפיאָר זאָלן מיר אויסאַרבעטן בײַ אונדז אין לאַנד עלעקטראָ־ענערגיע ביז 100 מיליאַרד קי־לאָוואַט־שאָ (אין 1931 יאָר איז געווען 10 מיליאַרד קילאָ־וואַט־שאָ).

אינ די באשלוסנ פונ דער XVII פארטיי־קאָנפערענצ ווערנ דידאָזיקע שטורמישע באָלשעוויסטישע וווקס־טעמפּנ אפנ פראָנט פונ עלעקטריפיקאציע דערקלערט אזוי:

„א גאָר וויכטיקער עלעמענט פונ דער טעכני־שער רעקאָנסטרוקציע פונ דער פאָלקסווירטשאפט איז דאָס שאפנ א גאָר נײַע ענערגעטישע באזע, וואָס שפארט זיכ אָנ אפ דער ברייטסטער עלעקטרי־פיקאציע פונ דער אינדוסטריע אונ פונעם טראנס־פאָרט אונ אפ דער בעהאדראָגעדיקער אײַנגלידע־רונג פונ עלעקטראָ־ענערגיע אינ דער לאנדווירט־שאפט.

צוגלײַכ מיט דער סאָוועטישער מאשינבויונג, וואָס שפילט „די פירנדיקע ראָלע אינעם פארענדיקנ די טעכ־נישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער גאנצער פאָלקסווירט־שאפט", — קומט אלס גאָר וויכטיקער עלעמענט פונ דער־דאָזיקער טעכנישער איבערבויונג — די נײַע ענערגעטישע באזע.

די דניעפרישע הידראָ־עלעקטראָצענטראל, וואָס איז שוינ פארענדיקט, איז אנ אָנגעזעענער טייל פונ דערדאָזיקער ענערגעטישער באזע, וואָס וועט מיטהעלפנ טעכניש אי־בערצובויענ אונדזער סאָציאליסטישע פאָלק־ווירטשאפט פונ גאנצנ ראטנפארבאנד, אונ באזונדערס פונ ראטנ־אוקראינע מיט אירע קאָלאָסאלע ווײַט נאָכ ניט אויסגע־נוצטע מעגלעכקײַטנ, סײַ אינ דער אינדוסטריעלער בויונג, סײַ אינ דער לאנדווירטשאפט.

3—1042

מיטן אָנהייבן ארבעטן פונעם דניעפּערבוי וואַקסט אויס באַדייטנדיק דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער אוק־ראַיִנישער אינדוסטריע אין דער סיסטעם פון דער אַלפאַרבאַנדישער פאָלקסווירטשאַפט, סע עפענען זיך פאַר אוקראַיִנע די רײַכסטע אויסזיכטן: איר אינדוסטריע, וואָס באַקומט איצט אַ נײַע ענערגעטישע באַזע (כוצן דאָנבאַס — די דניעפּערישע הידראָסטאַנציע), באַקומט קאָלאָסאַלע מעג־לעכקײַטן פון ווײַטערדיקער שטורמישער אַנטוויקלונג. אויך די לאַנדווירטשאַפט באַקומט די מעגלעכקײַט זיך צו רעקאָנסטרויִרן אַף אַ רײַכערער טעכנישער באַזע.

דאָרט, ווו קיטשקאַס, די דײַטשישע קאָלאָניע...

בריט האָט זיך צעוואָרפן דניעפּערבוי. ער כאַפּט אַרום אַ שטעטכ פון 25 קוואַדראַט־קילאָמעטער. קיטשקאַס — אַזוי הייסט דער יִישעוו, די געוועזענע דײַטשישע קאָלאָ־ניע, אַרום וועלכער די בויונג איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן. אָבער פון קיטשקאַס איז שוין ווייניק וואָס געבליבן: דער גרעסטער טייל זײַנער ליגט שוין באַגלײַך מיט צענדליקער אַנדערע דערפער אונטער די וואַסערן פון דניעפּער, און ווען די קיטשקאַסער אַלטע אײַנוווינער גייען איבער דער הרעבליע פון איין ברעג אַפן צווייטן, קוקן זיי זיך אַרום יעדן מאָל מיט באַוווּנדערונג און טײַטלען מיט די פינגער ערגעץ אין מיטן פון דער דניעפּער־טיפעניש:

— אָט דאָ איז פריִער געוועזן דאָס הויז מײַנס!

— אָט דאָרט איז געוועזן דער טעאַטער, ווו ערשט אין

1929־טן יאָר האָט געפירט איר אַרבעט די וווּציק־סעסיע אפן דניעפּערבוי!

ווען מיר ריידן וועגן דניעפּערבוי, האָבן מיר אינזינען ניט בלויז די הרעבליע מיט די שליוזן און די הידראָ־עלעקטראָצענטראַל. אין באַשטאַנד פון דניעפּערבוי גייט



קיטשקאַסער בריק, וואָס איז פאַרטרונקען געוואָרן

אויב אַרײַן דער גרויסער דניעפּער־קאָמבינאַט — אַ ריי זאַוואָדן־גיגאַנטן, די קינפטיקע געברויכערס פון דער דניעפּער שער ענערגיע, די איבערגעב־ליניע און די שטאָט גרויס־זאַפּאָראָזשיע.

דאָרט, אפן רעכטן ברעג, עטוואָס נידעריקער פון דער הרעבליע, געפינט זיך די הידראָ־סטאַנציע און די איבער־געבנדיקע סובסטאַנציע.

אפן לינקן ברעג, 20—25 קילאָמעטער פון אלט־זאַ־פּאָראָזשיע, געפינט זיך דער דניעפּער־קאָמבינאַט און אויך די נײַע כאַציאַליסטישע שטאָט.

ביידע ברעגן פון דניעפּער וועלן פאַרייניקט דורך דער הרעבליע און אויך דורך דעם נײַעם בריק, וואָס איז אריבערגעוואָרפן איבער דעם אלטן און נײַעם דניעפּער באם אינדזל כאָרטיצע.

א פּראָדוקט פון אנטשיידענעם קאמף

די סאָציאַליסטישע מי האָט באַקעמפט דעם בושעוודיקן דניעפּער.

אויב פאַרגלײַכן די בויונג פונעם דניעפּער־קאָמבינאַט מיט דער הרעבליע, איז ניט געקוקט אף דער נײַסטער און קאָמפּליצירטער טעכנישער אויסשטאַטונג פון די זאַוואָדן־גיגאַנטן, און ביכלאל אף דער קאָמפּליצירטקײַט פון דערדאָזיקער בויונג, איז דאָך די לעצטע ארבעט אסאך פּאָשעטער, איידער דאָס בויען די הרעבליע, ווײַל דאָ איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט דער וואסער־סטיכיע, מיט די שווערע קאָמפּליצירטע ארבעטן פון אײַנצוימען דעם דניעפּער.

דער גרונט־עלעמענט פון דער בויונג איז די הרעבליע, דידאָזיקע הויכע, לאנגע אויסבעטאָנירטע וואנט, וואָס צוימט דעם דניעפּער און זײַנע וואסערן, האלט זיי אין אירע הענט און רעגולירט זיי, ווארפנדיק די קראפט זייערע, דאן ווען זי איז קלענער, מער אין דער זײַט פון דער סטאנציע, און דאן, ווען עס איז פאראן איבעריקע

קראַפט, צו און דורך די אויסגעטאָנירטע „פּראָליאָטן״ — דורך דער „קאַמ״.

גאָר ניט לײַכט האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצוצוימען דעם דניעפּער.

עס איז אויסגעקומען אָפּצופּירן די וואַסער פֿריִער אין איין זײַט, שפּעטער אין א צווייטער, און אזוי־ארום שאַפן א מעגלעכקײַט אוועקצולייגן דעם בעטאָנענעם פונדא־מענט פון דער הרעבליע. באַזונדערס שווער איז אויסגע־קומען צו אַרבעטן אין דער מיט פונעם טײַך, ווו די טיפ־קײַט פון דניעפּער דערגרייכט ביז 12 מעטער.

עס איז אויסגעקומען צו באַהערשן און אָנצוויאָגן די אמעריקאנישע בעטאָניר־טעמפּן. און ווען אין איינעם פון די לעצטע כאָדאָשים פון 1929־טן יאָר האָט מען באוויזן אויסצובעטאָנירן ביז 57 טויזנט קובישע מעטער, האָט דאָס ארויסגערופן א גרויסע פרייד, ווײַל דאָס האָט באַטײַט, אז מיר האָבן אָנגעיאָגט די אינטענסיווקײַט, וואָס סע האָבן די צאָפּן־אמעריקאנישע פּאַרייניקטע שטאַטן (54 — 65 טויזנט קובישע מעטער). דערוף אָבער האָבן זיך די שלאָג־ערס פון דער הרעבליע ניט אָפּגעשטעלט: אדאנק זייער ענטוזיאַזם און אדאנק די נײַע סאָציאַליסטישע אַרבעט־און בוי־מעטאָדן זײַנען די טעמפּן אָנגעוואַקסן אַלץ מער פון טאָג צו טאָג, פון כוידעש צו כוידעש: אין סענטיאַ־בער 1930 יאָר איז געשלאָגן געוואָרן א רעקאָרד פון 88 500 קובאָמעטער, אין צווייטן כוידעש — אין אָקטיאַבער איז דערגרייכט געוואָרן א נאָך ניט געהערטער אין דער וועלט רעקאָרד — 110 טויזנט קובאָמעטער.

אפ וויפל די באָלשעוויסטישע טעמפּן אין דער בּעטאָנ־ארבעט זײַנען שטורמיש געוואקסן, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקן: אין יוני 1929 יאָר פלעגט מען אויסבּעטאָנירן פאר א מעסלעס 17 קובּאָמעטער; אין יוני 1930 יאָר פלעגט מען שוין אויסבּעטאָנירן צו 1 618 קובּאָמעטער; און אין אָקטיאבער — אין דעם סאמע שטורמישן כוידעש פון 1930 יאָר — 3 568 קובּאָמעטער.

און אזוי, פארגרעסערנדיק אלץ מער די טעמפּן אין דער ארבעט, האָבן די ארבעטער־בּעטאָנירער אָפּגעהאלטן זייער גרויסן ניצאָכן: אויסגעפילט זייער יערלעכן אנט־קעגנדיקן פלאן פון 500 טויזנט קובּאָמעטער בּעטאָני (לויטן פלאן פונעם טעכראט פון דניעפּערבוי האָט מען געזאָלט אויסבּעטאָנירן אין 1930 יאָר 350 טויזנט קובּאָמעטער. די בּוי־פארוואלטונג האָט דעם פלאן פאר־גרעסערט פריִער בּיז 417 און שפּעטער בּיז 427 טויזנט קובּאָמעטער. די אמעריקאנער האָבן סקעפּטיש זיך באצויגן צום דאָזיקן פלאן). דער זיג פון די ארבעטער האָט באַ־טײַט, אז מיר האָבן דעריאָגט און אריבּערגעיאָגט די קאפּיטאליסטישע לענדער אפּן בּעטאָניר־פראָנט. אפן 1931—1932־טן יאָר איז געבּליבּן צו פארענדיקן 450 טויזנט קובּאָמעטער בּעטאָן, אָבּער אין נאָך מער קאָמפּליצירטע באדינגונגען ווי פריִער.

עס איז אויסגעקומען צו באקעמפן די פּליסעוודיקײַט פון דער ארבּעט־קראפט, וואָס האָט זיך איינ צײַט אין 1930־טן יאָר זייער געלאָזט פילן אפּ דער הרעבּליע און האָט געשטעלט אין געפאר די בּוייונג. אדאנק אָבּער דער

הויכער סאָציאַליסטישער באַוווסטזיניקייַט פונעמ דניע־
פּערבוי־קאָלעקטיוו איז געבוירנ געוואָרנ דער לאָזונג
וועגנ כויוו פונ יעדנ ארבעטנדיקנ, פונ וואָס פאר א פּראָ־
פעסיע ער זאָל ניט זייַנ, צו קומענ אָפּארבעטנ אפ דער



די הרעבליע באנאכט

הרעבליע. אונטער דער אָנפירונג פונ דער פּארטיי־אָרגאַ־
ניזאציע האָבנ די מאסנ אָרגאניזירט דעמ געזעלשאפטלעכנ
פּראָלעטארישנ בוקסיר: 2 כאדאָשימ צייַט נאָכאנאנד זייַ־
נענ טויזנטער ארבעטנדיקע—טאָקערס אונ מאשיניסטנ,
אָנגעשטעלטע אונ אינזשענערנ, סטודענטנ אונ עקסקור־

סאנטנ, ביכלאל די גאנצע ארבעטנדיקע באפעלקערונג פונ דניעפערבוי און זאפאראָזשיע—בעראָש מיטנ ראיאָנישנ פארטיי־און פראָפ־קאָמיטעט, געגאנגענ נאָכנ ארבעט־טאָג זייערנ אָפארבעטנ אפ דער הרעבליע,—ביזוואנענ די ארבעט־קראפט האָט זיכ ניט סטאבליזירט.

עס איז אויסגעקומענ אסאכ אויסצושטיינ פונ די פריי־לינג־און הארבסט־פארפלייצונגענ און דערביי זיכערנ די שויג דורכגעפירטע ארבעטנ פונ יעטווידנ מעגלעכנ שאָדנ.

אָט, וואָס עס דערציילט וועגנ דעמ כ־טע זילבערשטיינ, איינע פונ די בעסטע שלאָגלערס־פראָראבנ פונ דער הרעבליע,—וואָס האָט דאָ געארבעט פונעמ ערשטנ טאָג אָנ:

„דאָס איז געווענ,—דערציילט זי,—אינ הארבסט 1931 יאָר, בעשאס דער פארפלייצונג. דעמ 15־טנ דעקאבער, 12 אזייגער באטאָג, האָט זיכ דאָס וואסער אָנגעהויבנ דורכצורייסנ אינ קאָטלאָוואנ. דאָס איז צונויפגעפאלנ מיט א געפערלעכנ שטאָרמ (אפנ שווארצנ יאמ זיינענ דאנ אונטערגעגאנגענ עטלעכע שיפנ). איז געשטאנענ א דרינגנדיקע אופגאבע: אויספאָמפענ די וואסער פונעמ קאָטלאָוואנ, פארפע־סטיקנ די „פערעמיטשקע”, און אזוי־ארומ ליקווידירנ דעמ דורכרייס. האָבנ די ארבעטער אונדזערע דאנ ארויסגעוויזנ אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט: פאר 4 שאָ זיינענ אראָפגעוואָרפנ געוואָרנ אינ וואסער 3000 זעק מיט זאמד, און אינ מעשעכ פונ 2 מעסלעס האָבנ מיר אומופהערלעכ געשאָטנ זאמד פונ דונקארנ (פלאטפאָרמעס, וואָס קערנ זיכ אליינ איבער), און

פאר דידאָזיקע צוויי מעסלעס האָבן מיר דעם דורכ־
רײַס ליקווידירט.

„ארבעטן אפ דער הרעבליע — דאָס איז
א זאך פון ערע!" — אזא מין לאָזונג האָט גע־
וואָרפן אונדזער פארטיי־קאָמיטעט, און דערדאָזיקער
לאָזונג איז טאקע געווען דער פירנדיקער אין אונ־
דזער ארבעט. ס'איז כאראקטעריסטיש, אז פון די
אלטע ארבעטער־קאדרען איז קיין איינער פון דער
הרעבליע ניט אוועק. די סאָציאליסטישע ארבעט־
פאָרמעס זײַנען בא אונדז אזוי ברייט פאנאנדערגע־
וויקלט, ווי זעלטן ווו.

אונדזער זיג דערקלערט זיך באזונדערס מיט דער
באָלשעוויסטיש פעסטער אָנפירונג פונעם פארטיי־
קאָמיטעט. דער כ' לייבענזאָן, דער סעקרעטאר פון
דער דניעפּערבוייִשער פארטיי־אָרגאניזאציע פלעגט
א שלאל מיט צײַט אָפליגן אפ דער בויונג, אָפטמאָל
בײַזײַן אפ אונדזערע פארזאמלונגען און בעראטונ־
גען. זײַן ריכטיקער באָלשעוויסטישער צוגאנג צום
לייזן אָפטמאָל גאנץ שווערע פראגעס פלעגט צוגעבן
מונטערקײַט און ענטוזיאזם די סאמע פעסימיסטיש
געשטימטע".

—

אָבער ניט בלויז מיט דער וואסער־סטיכיע איז אויס־
געקומען אנטשיידן צו קעמפן. עס איז אויך אויסגעקומען
צו פירן א קאמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן און ניט־גלויי־
בערס אפ דער בויונג.

עס דערציילט דער סעקרעטאר פונ פארטיי־קאָמיטעט פונעמ דניעפּערבוי, כ׳ לייבענזאָנ:

„באַיאבער אונ דעקאבער 1931 אונ יאנואַר 1932 יאָר זײַנענ געװענ די אנטשיידנדיקסטע כאדאָשימ פונ פארענדיקנ די „קאמ״. איז גראָד אינ דידאָזיקע כאדאָשימ אויסגעקומענ דער פּארטיי־אָרגאניזאציע צו טרעפנ זיכ מיט באזונדערס אָפּאָרטוניסטישע שטימונגענ. אײניקע אינזשענער־טעכנישע טוערס האָבנ געהאלטנ, אז מיר װעלנ באװײַזנ צו פארענדיקנ די „קאמ״ ניט ביז דער פרילינג־פארפלייצונג פונ 1932־טנ יאָר, נאָר ניט פריִער װי אװגוסט כוידעש, אונ דעריבער האָט מענ צוגעשטעלט א פּלאנ אפּ דעקאבער כוידעש אפּ 3000 קילאָמעטער בעטאָנ. עמעס, דער הידראָטעכ־אָפּטייל האָט פארגרעסערט דעמדאָזיקנ פּלאנ ביז 7000 קובאָמעטער, אָבער די פּארטיי־אונ פּראָפּ־אָרגאניזאציעס פונעמ דניעפּערבוי זײַנענ דערופּ ניט אײַנגעגאנגענ. עס איז ארויסגעשטעלט געװאָרנ אנ אנטקעגנדיקער פּלאנ: „ניט װייניקער פונ 16 טויזנט קובאָמעטער״. — אונ אדאנק דער ריכטיקער פּארטייִשער אָנפירונג אונ דעמ ענטוזיאזמ פונ די בעטאָנירערס איז אינ דעקאבער כוידעש אויסגעפילט געװאָרנ 18000 קובאָמעטער; אינ יאנואר איז אָנשטאָט 18 טויזנט פארבעטאָנירט געװאָרנ — 22400 קובאָמעטער, אונ אינ פעװראל — אינ די ערגסטע װינטער־באדינגונגענ, ניט געקוקט

אפ די פרעסט, וואָס האָבנ דערגרייכט ביז 25 גראד, ניט געקוקט אפ די ווינטנ, אפנ אייז, אפ די קארקאסנ, — האָבנ די העלדנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג באוויזנ אויסצובעטאָנירנ 14 טויזנט קובאָמעטער.

ווי זעט אויס די הרעבליע?

אנ הויכע, אויסגעבעטאָנירטע וואנט פונ איינ ברעג צומ צווייטנ, זעט זי אויס, ווי א בויגנ. זי איז ספּעציעל געמאכט געוואָרנ אויסגעבויגנ, קעדיי צו פארקלענערנ דעמ ווידערשטאנד פונ דעמ גרויסנ וואסער־שטראָמ, באַזונדערס דאנ, ווענ דאָס וואסער קומט צו. די לענג פונ דער הרעבליע איז בא 700 מעטער, איר הייכ — העכער 40 מעטער. פונדערוויַטנס זעט די הרעבליע אויס, ווי א ראמ מיט פענצטערלעכ. דאָס זייַנענ די „פּראָליאָטנ" צווישנ די ווענט („ביטשאָקעס"). דורכ די „פּראָליאָטנ" גייט דורכ די „קאמ" פונ דער הרעבליע. דורכ דער „קאמ" פאלט דאָס וואסער פונעמ אויבערשטנ ביעפ אינ אונטערשטנ. אינגיכנ אָבער וועלנ אינ די פּראָליאָטנ אייַנגעאָרדנט ווערנ די אזויגערופענע סטאביי־פאנצערס (שטשיטנ), אונ דאנ וועט זייַנ א מעגלעכקייַט צו רעגולירנ דאָס וואַסער פונ אויבערשטנ ביעפ לויט דער באדערפעניש פונ דער הידראָסטאנציע.

אונ דאָרט אפנ לינקנ ברעג, ווו עס ענדיקט זיכ די הרעבליע, הייבט זיכ אָנ דער שליוז, דער האפנ אינעמ אויבערשטנ ביעפ, אונ דער אונטערשטער ארויסגאנג־קאַנאל פונעמ שליוז.

אויס שוועלן — פרײַ דער דניעפּער!

מיטן דורכפירן די הרעבליע וועט ענדגילטיק געלייזט די פראגע וועגן די שוועלן, וואָס יאָרנלאנג האָט מען זיי ניט געקענט באזיגן. אָנהייבנדיק פון קיטשקאס ביז דניעפּראָפּעטראָווסק, ד. ה. אין דעם טייל דניעפּער, ווו די שוועלן געפינען זיך, איז דאָס וואסער אופגעהויבן אפ אזא הייך, וואָס פארטרינקט די שוועלן אפ 2 מעטער די הייך. אזוי־ארום איז דער ביז אהער פארשלאָסענער וואסער־וועג פרײַ געוואָרן, די שיפן אפן דניעפּער קאָנען גיין איבער זײַן גאנצער לענג.



ווי וועט אויסזען דער שליוז פארטיקערהייט

אָבער ווי וועט זײַן, ווען די שיף וועט דארפן אראָפּ־קומען פונעם אויבערשטן וואסער אין אונטערשטן? ווו וועט זי דורכגיין און וויאזוי?

אויכ דידאָזיקע פּראָבלעמ איז געלייזט. צוליב דעמ איז געשאפנ געוואָרנ דער אזויגערופענער שליוז אָדער קא־נאל, וואָס פאַרייניקט בײדע ביעפנ (זע געמעל).

אָבער אזויווי דעו וואסער־ניוואָ פונעמ אויבערשטנ אונ אונטערשטנ ביעפ איז ניט קיינ אלציינער, איז דער



דאָרט, ווו עס גייט דורכ דער שליוז

קאנאל געבויט בארג־אראָפּ אינ טיילט זיכ דערבײַ אפּ דרײַ קאמערעס פונ פארשיידענער הייכ. יעדער קאמערע פאר־שליסט זיכ מיט א צווייזײַטיקנ טויער.

איצט שטעלט אײַכ פאָר: ווענ די שיפ גייט פונ וואַ־סער אראָפּ, עפנט מענ אפ פריער דעמ טויער פונ דער

ערשטער קאמערע, די קאמערע פילט זיך אָן מיט וואסער, גלײַכט זיך אויס מיטן וואסער־ניוואָ אינעם אויבערשטן ביעף, און די שיף גייט צום צווייטן טויער; מע עפנט דעם צווייטן טויער און די צווייטע קאמערע פילט זיך אָן מיט וואסער ביז דער נייטיקער הייך, און די שיף גייט צום דריטן טויער; דאָ קומט פאָר דאָסזעלביקע — און אזוי, רעגולירנדיק דאָס וואסער, קומט די שיף ביסלעכווײַז אראָפּ אינעם אונטערשטן ביעף פונעם דניעפּער און שווימט פרײַ ווײַטער לויט דער נייטיקײַט.

ווען די שיף גייט פון ארויף, דאן ווערן די קאמערעס אָנגעפילט מיט וואסער ביז דער נייטיקער הייך מיט דער הילף פון א באזונדערן וואסער־קאנאל, וואָס געפינט זיך אונטערן דעק פונעם שליוז.

די מעכטיקײַט פונעם שליוז דריקט זיך אויס אין דרײַ מיליאָן טאָן אָנלאָדונג יערלעך. דאָס וועט אונדז אײַנשפּאָרן מיליאָניקע מיטלען.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס מיר וועלן דערמיט באדײַטנדיק פאנאנדערלאָדן דעם אײַזנבאן־טראנספּאָרט.

אויס שוועלן! — דער דניעפּער איז פרײַ פאר א ברייט־פאנאנדערגעוויקלטן וואסער־פארקער, און אפן באָדן פון דערדאָזיקער דערגרייכונג וואקסן אויס די רײַכסטע פּערספּעקטיוון פון פארבינדונג דורכן דניעפּער, סײַ אינעווייניק אין לאנד, סײַ מיט אויסלאנד, פריער פאר אלץ מיט די מיזרעכ־לענדער, און אין דער ערשטער ריי — מיט טערקײַ.

דאָס אלץ אָבער, ווי גרויס און וויכטיק עס זאָל ניט זײַן, איז ניט צו פארגלײַכן מיטן קאָלאָסאלסטן באטײַטאונג־נוצן פון דער דניעפּרישער הידראָ־עלעקטראָסטאנציע.

א קילאָוואט־שאָ — ווייניקער פון א קאָפּיקע!

די הידראָ־עלעקטראָסטאנציע געפינט זיך אין רעכטן ברעג, עטוואָס נידעריקער פונעם סאָפּ הרעבליע, פונעם אונטערשטן ביעף.

דורכן דער קאָלאָסאלער קראפט פונעם וואסערפאל, וואָס עס גיט די הרעבליע, ווערט געבראכט אין באוועגונג די גראנדיעזע מאכינע פון די מעכטיקסטע טורבינעס און גענעראטערס, מיט וועלכע עס איז אויסגעשטאט די סטאנציע.

אין אָנהייב בויונג האָט מען פּראָיעקטירט, אז די סטאנציע וועט באשטײַן פון 13 טורבינעס מיט א מעכטיקײַט פון 50 טויזנט מעכאנישע פערד־קראפט יעדערע. די צײַט אָבער שטייט ניט, די טעכניק גייט פאָרויס, באזונדערס אין געביט פון הידראָ־טורבאָ־בויונג. איז דער ערשטער וואריאנט שפּעטער געענדערט געוואָרן: אָנשטאָט 13 וועלן אויפגעשטעלט בלויז 9 טורבינעס, אָבער יעדערע פון זיי מיט א מעכטיקײַט פון 90 טויזנט מעכאנישע פערד־קראפט. פּאַרטיקעראַנט, הייסט עס, וועט די הידראָסטאנציע האָבן א מעכטיקײַט פון 810 טויזנט מעכאנישע פערד־קראפט, אָדער 550—600 טויזנט קילאָוואט. דאָס וועט זײַן איינע פון די מעכטיקסטע הידראָסטאנציעס אפ דער וועלט.

אפילע די באוווסטע ניאגארער סטאנציע אין אמעריקע איז אין דעם פראט הינטערשטעליק אין פארגלייך מיט דער דניעפרישער.

דער באזונדערער באטייט פון דער דניעפרישער הידראסטאנציע באשטייט דערין, וואס זי וועט געבן זייער ביליקע ענערגיע. שוין אין אקטיאבער 1932, ווען מ'האט געלאזט די ערשטע 5 טורבינעס פון דער סטאנציע, האט דער זעלבסטקאסטן פון איין קילאוואט־שא באטראפן ניט מער, ווי 0,68 קאפ. צו מיי 1933 דארפן שוין ארבעטן אלע 9 טורבינעס, און דאן וועט דער זעלבסטקאסטן פון 1 קילאוואט־שא נאך קלענער ווערן. קעדיי פארצושטעלן זיך ווי ביליק דאס איז, איז גענוג צו נעמען אין אכט פאלגנדיקס: אין ניו־יארק קאסט א קילאוואט־שא אריבער 8 קאפ., אין לאנדאן — 20 קאפ., און אין מאסקווע 15 קאפ.

די ביליקע ענערגיע פון דער הידראסטאנציע דערלויבט אונדז פאנאנדערצוּוויקלען דא־ט אזעלכע וויכטיקסטע פראדוקציעס, ווי אליומיני־אויסארבעטונג, ווי אויך די שטאל־פראדוקציע פון דער העכסטער קוואליטעט, וואס אין דעם נייטיקן זיך אזוי אונדזערע כראקטער־און אוו־טאמאביל־גיגאנטן.

די סטאנציע וועט באזארגן מיט איר ענערגיע ניט בלויז דעם קאמבינאט זאוואדן און צעכן, וואס ווערן פארענדיקט אדער וואס זיינען שוין פארענדיקט אפן פלאץ „א", וואס אפן רעכטן ברעג דניעפער. זי וועט באזארגן מיט איר ענערגיע אויך אונטערנעמונגען און גאנצע אינדוסטריע־צווייגן אפ צענדליקער קילאמעטער

די וועלט פון איר: דאָנבאַס, דניעפּראָפּעטראָווסק, קאַמענ־סקאָיע.

איך וואונדער: ווי־קומט אהער דאָנבאַס, קאַמענ־סקאָיע? נאָך וואָס דארף דאָנבאַס האָבן עלעקטריע פונעם דניעפּער, אז ער פארמאָגט אליין זײַנע אייגענע באַוווסטע



דער אויסערלעכער אויסזען פון דער הערבליע, הידראָסטאַנציע און עליוז צום 1־טן מײַ 1932 יאָר.

שטעראָווקער און זויעווער סטאַנציעס? — נאָר די מײַסטע איז, וואָס דאָנבאַס וואַקסט שטורמיש פון טאָג צו טאָג, דער וווּקס פון זײַן פּראָדוקציע שטײַגט ווײַט אריבער דעם וווּקס פון די עלעקטראָסטאַנציעס, דעריבער וועט אים די ענערגיע פון דער דניעפּרישער סטאַנציע טאַקע גוט צונוצקומען. דאָסזעלביקע — קאַמענסקאָיע, וואָס פארמאָגט, אגעוו, אויך איר ראיאָנישע סטאַנציע אפ איר מעטאַלורגישן

זאוואָד א. נ. דזערזשינסקי ; דאָסזעלביקע — דניעפּראָפּעטראָווסק.

ווי־זשע וועט די דניעפּרישע ענערגיע דערגרייכנ אזוי ווײַט? צוליבדעמ זײַנענ אײַנגעאָרדנט (איינע איז שוינ פארענדיקט) צוויי אי־בערגעב־ליניעס — איינע קיינ דאָנבאַס, אונ די צווייטע קיינ דניעפּראָפּעטראָווסק־קאמענסקאָיע. דערבײַ ווערט געשאפנ אנ עלעקטרישער רינג: דניעפּראָ־עלעקטראָצענטראל — שטעראָווקער — זויעווער אונ קאמענסקאָיער סטאנציע.



די ספּיראלע קאמערעס פונ די טורבינעס אינ דער הידראָ־עלעקטראָצענטראל.

העכער דער סטאנציע, עטוואָס בארג־ארויפ פונ איר, איז אײַנגעאָרדנט די אזויגערופענע העכערנדיקע סובסטאנציע. בא די אונטערנעמונגענ געבּרויכערס פונ דער דניעפּרישער ענערגיע וועט אײַנגעאָרדנט פארקלענערנדיקע סובסטאנציעס — זיי אלע דינענ צוליבנ רעגולירנ דעמ עלעקטריע־שטראָמ פונ דער הידראָ־עלעקטראָצענטראל.

כוץ די שוין אָנגעוויזענע געברויכערס פון דער דניעפּ־רישער עלעקטראָענערגיע ווערט פּראָיעקטירט ברייט אויסצונוצן די ענערגיע פאר דער לאנדווירטשאפט ווייט ארום קיטשקאס, זאפּאָראָזשיע, צוליב איריגאציע־(באוואַ־סערונג) צוועקן, צוליב פארקלענערן די טריקעניש פון די ביידניעפּרישע סטעפּעס. פון דער צווייטער זייט וועלן די זאוואָדן פון דעם דניעפּער־קאָמבינאט געבן דער לאנד־ווירטשאפט קינסטלעכע באגיטיקונג. מיט עלעקטרישע פּאָמפּעס וועלן אופגעהויבן ווערן די אונטערערדישע וואסערן, און אף די ניט פרוכטבארע, איצט זאמדישע דיונעס וועלן אויסוואקסן קאָלאָסאלע פלאנטאציעס פון טאבאק, קענאפּ, צוקער, סאָיע א. א. וו. בא א אנדער־האלבן מיליאָן העקטאר ערד וועלן אופלעבן.

דעם 1-טן מיי און דעם 10-טן אָקטיאבער 1932 יאָר.

אף דער „ציק״־סעסיע, וואָס איז אין 1929 יאָר פּאָר־געקומען אפן דניעפּערבוי אין דעם פּארטרונקענעם איצט שוין קיטשקאסער טעאטער האָט דער קאָלעקטיוו ארבע־טער, אינזשענערן און טעכניקערס פון דניעפּערבוי צו־געזאָגט געבן דעם ערשטן שטראָם ענערגיע מיט 6 כא־דאָשים פריער פארן טערמין! אנשטאָט דעם ערשטן אָקטיאבער 1932־טן יאָר — דעם ערשטן מיי 1932 יאָר!

דאָס פּראָלעטארישע וואָרט איז אויסגעהאלטן גע־וואָרן.

צום ערשטן מײַ איז פאַרענדיקט געוואָרן די הרעבליע און די ערשטע דרײַ טורבינעס, וואָס דערלאַנגען שוין הײַנט א מעכטיקן שטראָם עלעקטראָ־ענערגיע.

צום 10 אָקטיאַבער 1932 יאָר, ווען ס'איז פײַערלעך געעפנט געוואָרן די סטאַנציע, האָבן שוין געאַרבעט 5 טורבינעס, וואָס האָבן ביז צו דער צײַט געהאַט אויסגע־אַרבעט העכער 50 מיליאָן קילאָוואַט־שאָ ענערגיע.

דאָס לאָזן אין גאַנג די הידראָ־עלעקטראָסטאַנציע איז א קאָלאָסאַלער זיג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. גלײַכצײַטיק איז דאָס א צעשמעטערנדיקער קלאַפּ איבערן קלאַסן־סוינע און זײַן אַגענטור — די אָפּאָרטוניסטן און ניט־גלויבערס.

דידאָזיקע מאַטאָנע פון די דניעפּערבוי־אַרבעטער איז א מעכטיק געווער צו פאַרווירקלעכן די היסטאָרישע באַ־שטימונגען פון דער XVII פּאַרטיי־קאָנפערענץ וועגן שאַפן די נײַסטע ענערגעטישע באַזע אין לאַנד און מיט איר הילף — צוגלײַך מיט דער הילף פון דער סאָוועטישער מאַשינבויונג, וואָס שפּילט די פירנדיקע ראָלע — טעכניש איבערבויען די גאַנצע פאָלקווירטשאַפט.

ניט אומזיסט אַרײַנגעלייגט אזויפיל מי און מיטלען

דעם ערשטן מײַ 1932 האָבן די וואַסערן פון דער הרעבליע א באַוועג געטאָן די גענעראַטאָר'ס פון די

טורבינעס, און די הידראָסטאַנציע האָט געגעבן דעם ערשטן שטראָם.

ווער זשע וועט דעם שטראָם אופנעמען?

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אפן פּלאַץ „א", וואָס אפן ליִנקן ברעג האָבן זיך ברייט צעוואָרפן מיט זייערע גיגאַנטישע קאָרפּוסן און צעכן די וועלט־זאַוואָדן פונעם גרויסן דניעפּער־קאָמבינאַט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אפן דער ראָלע פון דער איבערגעב־ליניע, וואָס וועט טראַנ־סלירן די דניעפּרישע עלעקטראָ־ענערגיע אפּ צענדליקער און הונדערטער קילאָמעטער די וויַט.

דער דניעפּער־קאָמבינאַט און וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר

וואָס פאר א אונטערנעמונגען כאַפּט ארום דער דניע־פּער־קאָמבינאַט? מערסטנטיילס — מעטאַלורגישע. אהער גייען אריַין: דער אַליומיני־קאָמבינאַט, „דניעפּערשטאָל" און דער זאַוואָד פון פעראָ־שמעלצונגען. כוצדעם גייען אריַין אין דניעפּער־קאָמבינאַט: די קאָקס־כעמישע גרופּע, דער שלאַק־און־צעמענט־זאַוואָד, דער רעמאָנט־מעכאַני־שער זאַוואָד.

די אַלע פּראָדוקציעס זייַנען דאָ אָרגאַניזירט געוואָרן ניט צופעליק, נאָר מיט א שטרענגן דיסקאָנט פון די אָרטיקע באַדינגונגען און באַ א פאַרבינדונג צווישן איין פּראָדוקציע מיט דער צווייטער.

. אויס אימפּאָרט פונ אליומיני!

ווער עס איז כּאָטש עלעמענטאַר בּאַקאַנט מיט דער פּראָדוקציע פונ אליומיני, דער ווייסט, אַז פאַר דערדאָזיקער פּראָדוקציע פּאָדערט זיכ זייער אַ סך עלעקטראָ־ענערגיע. בּלויז בּאַ אַזעלכע בּאַדינגונגענ לוינט זיכ צו פּראָדוצירנ דעמדאָזיקנ מעטאַל. וועט איר טאַקע אינ גאַנצנ ראַטנפאַרבּאַנד ניט טרעפנ אינערגעץ קיינ מער צוגעפּאַסט אָרט אונ בּאַדינגונגענ, ווי דאָ אפנ דניעפּערבּוי.



אַלגעמיינער אויסזעענ פונעם עלעקטראָגוס־צעכ

וואָס איז אַזוינס אליומיני? — אליומיני — דאָס איז דער מעטאַל פונ דער צוקונפט. דערדאָזיקער מעטאַל האָט אויסשליסלעכע אייגנשאַפטנ: ער איז עלעקטראָדורכלאָזיק, אימ איז זייער לײַכט צו בּאַאַרבּעטנ, ער איז זייער לײַכט אינ וואָג — קימאַט 3 מאָל לײַכטער פונ אײַזנ. אליומיני

איז ניט צו פאַרבײַטן אין אַ גאַנצער רײ אױסאַרבעטונגען און קאָנסטרוקציעס. קאַבעלן, געמאַכטע פֿון אַליומיניִ; זײַלען אַסאַך גרינגער אין װאָג, אײדער די, װאָס זײַנען געמאַכט פֿון אַנדערע מעטאַלן, זײ װאַרעמען זיך װײניקער אָן, זײ דערלאָזן מער איבערגעלאָדנקײט און פֿאַרלירן װײניקער ענערגיע. די הײַנטצײַטיקע אַװיאַ־און אױטאָ־אינדוסטריע איז קימאַט אומעגלעך צו פֿאַנאַנדערװיקלען אָן אַליומיניִ; דאָסזעלביקע — אין דער כעמישער אינדוסטריע. אַפֿילו אין דער שטוב־װירטשאַפֿט איז אַליומיניִ זײער ברײטיק — אַליומיניִ־געפֿעס נוצט מען זײער ברײט. אַ באַזונדערן באַטײַט האָט אַליומיניִ אין דער זאַך פֿון לאַנדשוץ.

איז װען מיר נעמען אין אַכט, אַז די עמדאָזיקע העכסט־װיכטיקסטע מעטאַל האָבן מיר ביז ניט לאַנג קימאַט אױס־שליסלעך אַרײַנגעפֿירט פֿון אױסלאַנד — בײַ אונדז אין לאַנד האָט די דאָזיקע פּראָדוקציע אינגאַנצן אױסגעפֿעלט — װערט קלאָר, װאָס פֿאַר אַ קאָלאָסאַלן באַטײַט דער אַליומיניִ־קאָמבינאַטהאָט פֿאַרן לאַנד, פֿאַר דער װײַטערדיקער סאָציאַליסטישער בױונג, פֿאַר דער אומאָפּהענגיקײט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿאַר דער לאַנדשוץ.

אָבער װײניק איז בלױז האָבן ביליקע עלעקטראָ־ענערגיע, מע דאַרף דאָך האָבן רױוואַרג אױך. אַלס רױ־װאַרג פֿאַר אַליומיניִ דינט דער אַזױגערופֿענער באָקסיט: דאָס איז אַזאַ ליים פֿון װײַסן און טונקל־רױטן קאָליר. באָקסיט װערט אױך גענוצט אַף צו פּראָדוצירן אַליומיניִ־זאַלצן. די װעלט־זאַפּאַסן פֿון באָקסיט געפֿינען זיך מער־

סטנטייל איז דאָרעמ־פראנקרײַך, אין צאָפנ־אמעריקע. ווידעראמאָל, הייסט עס, — אָנקומענ צו אויסלאנד!

ווײַזט זיך אָבער ארויס, אז די נאטירלעכע רײַכקײַטנ פונ אונדזער לאנד ווייסנ אויך פונ באָקסיט: די לעצטע יאָרנ האָבנ זיך פאר אונדז אנטדעקט די אזויגערופענע טיכווינער באָקסיטנ אינ לענינגראדער געגנט אונ אויך בא די כיבינער בערג אינ מורמאנער קאנט. פאראנ, הייסט עס. רויוואַרג אויך.

אָבער וויאזוי נוצט מענ אויס דעמ באָקסיט, ווי באַ־ארבעט מענ אימ? אויסלאנד האלט אמיינסטנ בעסאָד די קאָמפליצירטע מעטאָדנ פונ באארבעטנ באָקסיט. שלאָפט אָבער אויך ניט אונדזער סאָוועטישע וויסנשאפטלעכ־טעכנישע וועלט: האָבנ מיר אויסגעפונענ אנ אייגענעמ, אונ דערבײַ א גלענצנדיקנ מעטאָד.

קעדייִ צו קאָנצענטרירנ אפ איינ אָרט דעמ גאנצנ פראָצעס פונ אויסארבעטנ אליומיני, בויט זיך דאָ אפנ דניעפּערבוי אונ ווערט שוינ די טעג אינ זײַנ גרונט־טייל פארענדיקט א גאנצער אליומיני־קאָמבינאט. ער באשטייט פונ אזעלכע אונטערנעמונגענ: עלעקטראָ־גוס־זאוואָד — דאָס איז די הויפּט־אונטערנעמונג, וואָס דערלאנגט שוינ דעמ פארטיקנ מעטאל — אליומיני; דער ליימ־זאוואָד — וואָס באארבעט דעמ באָקסיט אונ גיט ארויס ליימ, אָדער אפ דער טעכנישער שפּראכ אויסגעדריקט — אליומיני־אָקסיד (זויער); דער עלעקטראָ־זאוואָד ארבעט אויס קוילנ־עלעק־טראָדנ. דידאָזיקע צוויי זאוואָדנ, צוזאמענ מיט נאָכ איינעמ, וואָס געפינט זיך אפ אוראל — דער פליואָריד־זאוואָד, וואָס

אַרבעט אויס קרעאַליט — אַרבעטן צוזאַמען אויס דאָס נייטיקע רויוואַרג פאַרן עלעקטראָ־גוס־זאַוואָד.

דער גאַנצער זאַוואָד פאַרנעמט 32 געביידעס — צעכן און קאָרפּוסן פון באַזונדערע זאַוואָדן, ווי אויך פון אַל־געמיינעם געברויך.

דער אַליומיני־קאָמבינאַט, וואָס וועט פאָדערן בא דער הידראָסטאַנציע ביז 800 מיליאָן קילאָוואַט־שאָ, איז באַרופן אַרויסצוגעבן אין די ערשטע יאָרן 15 טויזנט טאָן פּראָ־דוקציע, און שפּעטער — ביז 20 טויזנט טאָן. אַ שיינע ביסל וואַליוטע וועט ער אונדז אַזוי־אַרום איינשפּאָרן, דער אַליומיני־קאָמבינאַט!

דאָסזעלביקע — אויך דער צווייטער גיגאַנטישער קאָמ־בינאַט:

„דניעפּערשטאָל”

דאָס וועט זיין איינער פון די וויכטיקסטע מעטאַלור־גישע זאַוואָדן. אַרבעטנדיק אָפּן קריוואָראָגער אייזן־אַרץ און קאָקס, וואָס וועט אויסגעאַרבעט ווערן טאַקע דאָ, אָפּן זאַוואָד פון פעראָ־שמעלצונג (אייזן־שמעלצונג), דאַרף דער „דניעפּערשטאָל” אַרויסגעבן שוין הייאָר פון אָנ־הייב אָן אַריבער אַ מיליאָן טאָן טשוהון, און דורך דעם עלעקטראָ־מאַרטענישן פּראָצעס איבעראַרבעטן דעם טשו־הון אין הויכקוואַליטאַטיווע אינסטרומענטאַלן און קאָנ־סטרוקטיווע שטאָל.

דאָס אלטע אָפּגעשטאנענע רוסלאנד האָט ניט געוווסט פונ אזוינע פראָדוקציעס. דער ראטנפארבאנד, אָבער, וואָס האָט ברייט פאנאנדערגעוויקלט די סאָציאליסטישע אינ־דוסטריעלע בייונג פונ לאנד, נייטיקט זיך זייער אינ דעמ־



דניעפּערסטאָל

דאָזיקנ קוואליטאטיוונ אינ הויכקוואליטאטיוונ שטאָל, וואָס פלעג ביז דער לעצטער צײַט ארײַנגעפירט ווערנ פונ אויסלאנד.

— דערלאנגט וואָס מער קוואליטאטיוונ שטאָל! — פאָדערט פונ אונדז אלצ אקשאָנעסדיקער אונדזער שטײַגנ־

דיקע פון טאָג צו טאָג, פון יאָר צו יאָר, סאָוועטישע מאַשינבויונג. ווי באַוווּסט, נייטיקן זיך באַזונדערס אין הויכקוואַליטאַטיוון מעטאַל די אויטאָ־און־טראַקטאָר־בויונג, די אַוויאַ־און־ ראַדיאָ־אינדוסטריע, און אויב מיר וועלן דערביַינעמען אין אַכט די אײַנשטעלונג פון דער XVII אַלפאַרבאַנדישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ וועגן דער פירנדיקער ראָליע פון דער סאָוועטישער מאַשינבויונג אין מעשעכפונעם גאַנצן צווייטן פינפיאָר, וועגן דעם פאָרשטייענדיקן וווּקס פון דער סאָוועטישער מאַשינבויונג צום סאָף פון צווייטן פינפיאָר אין 3 און 3,5 מאָל לעגאַבע דעם 1932 יאָר, — איז לײַכט זיך פאָרצושטעלן די ראָליע פון דער פּראָדוקציע פון הויך־קוואַליטאַטיוון שטאָל.

אף וויפל שפּאָרעוודיק און נייטיק פאַר אונדזער אינדוסטריע, פאַר אונדזער פאָלקסווירטשאַפט, עס איז די פּראָדוקציע פון שטאָל פון גוטער און הויכער קוואַליטעט, קאָן מען באַנעמען פון פאָלגנדיקן פאַקט: איין טאָן קוואַליטאַטיווער שטאָל פאַרבײַט 10 טאָן פּאָשעט אײַזן! און אײַזן ווידער איז דאָך בא אונדז אויך ניט פון די ניט־דעפיציטע אַרטיקלען.

— 1 מיליאָן טאָן שטאָל פון הויכער קוואַליטעט! — אזא איז די פּראָדוקציע־פּראָגראַם פונעם „דניעפּערשטאָל" שוין אף הײַיאָר, אפן ערשטן פּראָדוציר־יאָר.

דערדאָזיקער שטאָל וועט אויסגעאַרבעט ווערן מערסטנטייל פון דעם זאַוואָדישן טשוהון; הײַיאָר דאַרף דניעפּערשטאָל געבן אַריבער אַ מיליאָן טאָן טשוהון, שפּעטער אָבער — בא די 2 מיליאָן טאָן. פאַרגלײַכט דידאָזיקע צי־

נער ביז די 10 מיליאָנ, וואָס אונדזער לאַנד דאַרפ גרינ-
אַרבעטנ. אינ דאַנ וועט איר באַקומענ א בילד וועגנ דעמ
ספּעציפישנ געוויכט פונ דניעפּרשטאָל אינ דער גאַנצער
סיסטעמ פונ אונדזער סאָציאַליסטישער פאָלקסווירטשאַפט.

אזא גיגאַנטישער קאָמבינאַט ווי „דניעפּרשטאָל“ האָט געקענט געבויט ווערנ בלויז אינ אונזערע באַדינגונגענ, ווײַל עס שאַפט די דניעפּרישע הידראָסטאַנציע. אַפ ענערגיע פונ עלעקטראָסטאַנציעס, וואָס אַרבעטנ אַפ שטיינקוילנ, וואָלט דאָס אַבסאָליוט ניט געלוינט. די ביליקע ענערגיע פונ דער הידראָסטאַנציע, דער ביליקער וואַסער-פּראָצעס, די קאָנצענטרירטקײַט פונ אַלע נייטיקע פּראָדוקציעס, די נאָענטקײַט פונ די רויוואַרג-ראַיאָנענ (קריוואָ-ראָג, ניקאָפּאָל, דאָנבאַס)—דאָס אַלצ שאַפט די בעסטע באַדינגונגענ פאַר דער פּראָדוקציע פונ קוואַליטעטנ-שטאָל.

„דניעפּרשטאָל“ וועט זײַנ דער גרעסטער [illegible] פונ דער דניעפּרישער הידראָסטאַנציע.

אײַנגעשטאַט לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער טעכניק, מאַקסימאַל מעכאַניזירט, מיט זײַנע גיגאַנטישע עלעקטרישע אויוונס, מיט זײַנע אויסגעצייכנטע האַלנ אינ מאַרטענ-צעכנ, איז „דניעפּרשטאָל“ א קאָלאָסאַלער סאָציאַליסטישער וועלט-באַרימטער גיגאַנט.

ד-לעכע כאַראַקטעריסטישע דעטאַלנ פונ דער ריזיקער מעכניקײַט פונ „דניעפּרשטאָל“.

דער קאָמבינאַט פאַרנעמט א שעטעכ פונ 15 קילאָ-מעטער.

די דאָמנעס (זעקס וועלן זיי דאָ זײַן) דארפן געבן 900 טאָן טשוהון א מעסלעס — מיט 30—40 פראָצענט מער, ווי די גרעסטע דאָמנעס פון די אלטע גרויסע זאוואָדן.

דער עלעקטראָ־מארטענ־צעכ — דאָס הארץ און דער פולס פונעם קאָמבינאט — מיט זײַן „מיקסער" פון 1300 טאָן, אין וועלכן דער טשוהון ווערט אפ א כעמישן אופן באארבעט — איז די שטאָלץ פון ראטנפארבאנד.

קימאט די גאנצע אויסשטאטונג פונעם זאוואָד איז א סאָוועטישע: פון 170 מיליאָן רובל, וואָס די אויסשטאטונג קאָסט, איז אויסגעגעבן אין אויסלאנד אינגאנצן 30 מי־ליאָן רובל.

און לעסאָף: אפ „דניעפּערשטאָל" מיט זײַנע זאוואָדן, דאָמנעס, מארטענעס און וואלצנ־צעכן פאלט אויס אויסצו־פילן שוין הײַיאָר א פינפטכיילעך פונעם מעטאל־אויס־ארבעטונג־פלאן אינעם גאנצן ראטנפארבאנד.

צווישן דעם אליומיני־קאָמבינאט און דעם דניעפּער־שטאָל־קאָמבינאט ליגט דער זאוואָד פון פעראָ־שמעלצונ־גען (אײַזנ־שמעלצונגען).

דער פעראָשמעלצנ־זאוואָד האָט א באזונדער באטײַט פאר דער הידראָסטאנציע, ווי אויך פארן „דניעפּער־שטאָל".

עס איז באוווּסט, אז אין באזונדערע טעג און כאדאָ־שים ווערט דער דניעפּער מיט זײַן וואסער־קראפט סטיכיש ווירקן אפ דער נאָרמאלער מעכטיקײַט פון דער הידראָ־סטאנציע, — באזונדערס פרילינג־צײַט און אין הארבסט, ווען דאָס וואסער קומט צו; דעמאָלט קען די נאָרמאלע מעכ־

טיקײַט פונ דער סטאנציע שטײַגנ אינ עטלעכע מאָל, מיליאָנענ קילאָוואט־שאָ וועלנ צוקומענ אינ דעמדאָזיקנ סעזאָנ. דארפ מענ דאָכ זענ דידאָזיקע סעזאָנישע צוגאָב־ענערגיע ווי געהעריק אויסצונוצנ.

דאָ קומט דער פעראָשמעלצנ־זאוואָד מיט זײַנע גרויסע עלעקטרישע אויוונס אפ איבערצוקאָכנ פעראָ־מאנגאנ אונ אויסצונוצנ די צוגאָב־ענערגיע. דידאָזיקע עלעקטרישע אויוונס זײַנענ ספּעציעל צוגעפּאסט צו דער סעזאָנישער ענערגיע פונ דער סטאנציע.

דער זאוואָד האָט זײַנ רויווארג־באזע נאָענט פונ זיכ — דער ניקאָפּאָלער מאנגאנ־אונ קווארצ־ראיאָנ. דאָס וועט פארקלענערנ אפ אסאכ די טראנספּאָרט־הויצאָעס.

דער זאוואָד איז אפנ ענגסטנ אויפנ פארבונדנ מיטנ „דניעפּערשטאָל". ער באזאָרגט דעמ קאָמבינאט מיט קאָקס, די דאָמנעס — מיט דאָמנע־שטויב, צונויפגעזאמלטנ פונ די גאזנ פונ די עלעקטראָ־אויוונס, ווי אויכ מיט שלאק פונ די פעראָ־מאנגאנ־אויוונס. אזוי־ארומ גייט א טייל פּראָדוקציע פונעמ זאוואָד פאר זײַנ שאָכנ וועגנ — פארנ „דניעפּערשטאָל"־קאָמבינאט. דאָס שפּאָרט אײַנ ניט ווײַניק ביסלענ אונדזער מעלוכע.

אינעמ דניעפּער־קאָמבינאט גייט נאָכ ארײַנ די קאָקס־כעמישע גרופּע.

די קאָקס־כעמישע גרופּע מיט אירע קאָקס־אויוונס, סמאָלע־אונ בענזאָל־צעכנ, איז אויכ אָרגאניש פארבונדנ אונ קאָמבינירט מיטנ שטאָל־קאָמבינאט. אונ דידאָזיקע פארבינדונג גיט א מעגלעכקײַט אויסצונוצנ דעמ ביליקנ

דאָמנע־גאַז פאַר די קאָקס־אויוונס און דעם קאָקס־גאַז פאַר די מאַרטענעס.

* * *

אָט אַזוי זעט אויס אין זײַנע אַלגעמײנע שטריכן דער גאַנצער דניעפּער־קאָמבינאַט, וואָס אויפן פּלאַץ „א“.

קאָמבינאַטן אינעם דניעפּער-קאָמבינאַט גופא! צענדליקער זאַוואָדן און צעכן־גיגאַנטן,— אײניקע פון זײ האָבן מיר דאָ באַשריבן.— זײ אַלע אײנעם גענומען, מיט דער הידראָסטאַנציע, שליוזן און הרעבליע, ווערן באַדינט פון א פילטויזנטיקן קאָלעקטיוו אַרבעטער, אינזשענערן, טעכניקערס און אָנגעשטעלטע.

ערשט אין 1930 יאָר האָבן דאָ געאַרבעט 25000 מאַן. אין 1931 יאָר איז צוגעקומען נאָכאַמאָל אַזויפיל. נעמט די דאָזיקע אַרבעטער־אַרמײ צוזאַמען מיט די פאַמיליעס אויפן דניעפּער־קאָמבינאַט, באַקומט זיך 120—150 טויזנט באַפעלקערונג.

די נײַע סאָציאַליסטישע שטאָט

„גרויס־זאַפּאָראָזשיע“, אָדער, ווי מע רופט זי דאָ אויפן אָרט, „דניעפּראָסטרוי“, בויט זיך שוין 3—4 יאָר. מיט דער צײַט ווערט גרויס־זאַפּאָראָזשיע זײַן אַ מוסטער פונעם נײַעם טיפּ סאָציאַליסטישע שטעט.

אַ באַדײַטנדיקער טײל אַרבעטער, אינזשענער־טעכנישער פּערסאָנאַל און אָנגעשטעלטע פון דער בויונג ווױ־

נען שוין בא הײַנטיקן טאָג אין די שוין־אויסגעוואקסענע דרײַ־ און פיר־שטאָקיקע הײַזער פון דער נײַער סאָציאַליסטישער שטאָט, און גאָר אינגיכן וועלן זיך אהין קענען אריבערקלײַבן אויך דער אנדערער טייל ארבעטער און אנגעשטעלטע, וואָס וווינען דערווײַל נאָך אין די צײַטווײַליקע אָבער גוט־אײַנגעאָרדנטע באראקעס.

— ווי לאנג ערשט איז דאָ, אפן לינקן ברעג, געווען אזוי פוסט און אומעטיק! — וווּנדערן זיך די מענטשן, וואָס פאר זייערע אייגענע אויגן האָט זיך דאָס אלץ געבויט און געוואקסן.

דאָס גאנצע לעבן איז געווען דאָרט, אפן רעכטן ברעג, אין קיטשקאס, — און ווי אלץ האָט זיך געביטן!

לויט די פראָיעקטירונגען, וואָס ווערן שוין טיילווײַז פארווירקלעכט, וועט די אלטע זאפאָראָזשיע מיט אירע

צײַטווײַליקע באראקעס

אויסגעקרומטע גאסן און הינטערגעסלעך איינגאנצן, אײ־
בערגעפלאנירט און איבערגעבויט ווערן, און וועט זיך צו־
נויפגיסן מיט דער נייער שטאט. צום ערשטן מײַ האָט

הײַזער-בויונג אין דער נײַער סאָציאַליסטישער שטאָט

שוין אָנגעהויבן פונקציאָנירן אָנשטאָט דעם אווטאָבוס א נאָרמאַלער טראַמוויי-פּאַרקער צווישן בײדע שטעט.

די „שטאָט „דניעפּראָסטרוי“, מיט איר ארומיקער אינ־דוסטריע, הויכשולן און טעכניקומס א. א. וו., איז שוין בא הײַנטיקן טאָג געוואָרן א גרויסער צוציִונג־צענטער.

דעם „דניעפּר־בוי" בויט דאָס גאַנצע לאַנד!

די באַפעלקערונג פון דער נייער סאָציאַליסטישער שטאָט באַשטייט פון אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָ־



די פאַבריק־גאָרקיס

נאַליטעטן: באַשקירן, טשוואַשן, טאָטערן, אוקראַינער, רוסן, יידן, פּאָליאַקן, פינען, עסטאָנער, דייטשן, אַמעריקאַנער.

די ,,דניעפּראָזיקע" אַרבעטער און אינזשענער־טעכנישע מי־

ערס, זײַנען געקומען אהער, אפֿן דניעפּערבױ, פֿון פֿאַר־
שײדענע עקן ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿון גאָר דער װעלט; זײ
האָבן אונטערן אָנפֿיר פֿון דער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע דעם



אײנער פֿון די צעכן פֿון צ. מ. מ. (צענטראַלע מעכאַנישע װאַרשטאַטן) אפֿן רעכטן ברעג.

דניעפּערבױ געשאַפֿן, און איצט — נאָכן לאָזן די סטאַנציע — בלײַבן זײ דאָ אַרבעטן אױף פֿאַרשײדענע זאַװאָדן.

אָבער דעם דניעפּערבױ האָבן אױסגעבױט אױך צענ־
דליקער טױזנטער אַרבעטער פֿון אַנדערע זאַװאָדן פֿון

ראטנפארבאנד — דער „מארטי״־זאוואָד אין ניקאָלײַעוו, דער „כעמז״ אין כארקאָוו, דער דניעפּראָפּעטראָווסקער „מאָלאָטאָוו״־זאוואָד, דער סטאלינער „ריקאָוו״־זאוואָד, מאָסקווער און לענינגראדער זאוואָדן און אנד. — זיי אלע האָבן אויסגעפילט און פילן אויס די קאָמפּליצירטע באַשטעלונגען פונעם דניעפּערבוי און באַפרײַען אזוי־ארום אונדזער לאנד פון איבעריקן אויסלענדישן אויסשטאטונג־אימפּאָרט.

די פּראָלעטארישע געזעלשאפטלעכקייט פון אלע עקן פארבאנד אין דער פּערזאָן פון אונדזער קאָמוניסטישער פּרעסע האָט אויך גענומען א קאָלאָסאלן אָנטייל אין דער בויונג־ארבעט. 14 ארויספאָר־רעדאקציעס, ניט רעכענענדיק די באזונדערע פאָרשטייער פון הונדערטער אויסגאַבעס, געפינען זיך נאָך בא היינטיקן טאָג אָפּ דער בויונג און פירן א גרויסע מאסן־אָפּעראטיווע ארבעט, דעריבּער אויך די יידישע קאָמפּרעסע — די ארויספאָר־רעדאקציע פון „שטערן״ און „יונגע גווארדיע״.

דאָס גאנצע לאנד האָט זיך באטייליקט אינעם בויען און אופבויען דעם מעכטיקן סאָציאליסטישן הייבער פון אונדזער סאָציאליסטישער פאָלקסווירטשאפט — דעם דניעפּערבוי.

בלויז אין די באדינגונגען פון ראטנמאכט, אונטערן אָנפיר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און איר לענינישן צענטראל־קאָמיטעט בעראָש מיטן כ׳ סטאלין האָט געקאָנט פּראקטיש געלייזט ווערן אזא קאָלאָסאלע פּראָבלעם, ווי דניעפּערבוי.

בלויז אדאנק דער ריכטיקער ליניע פונ אונדזער לענינישער קאָמוניסטישער פּארטיי אונ איר אנטשיידנ־דיקנ קאמפּ קעגנ די אגענטורנ פונעמ קלאסנ־סוינע, קעגנ דעמ רעכטנ אָפּאָרטוניזמ, וואָס איז די הויפּט־געפאר אפנ איצטיקנ עטאפּ, קעגנ די „לינקאטשעס“ אונ פּארבויגערס אונ קעגנ די פּשאָרעניקעס צו דידאָזיקע אָפּנויג,— האָט געקאָנט אינ מעשעכ פונ קארגע 5 יאָר געבוירנ ווערנ אזא מעכטיקע סאָציאליסטישע פעסטונג ווי דניעפּערבוי— דער דניעפּער־קאָמבינאַט.

דעמ 11־טנ מײַ 1932 יאָר איז געלאָזט געוואָרנ אינ גאנג דער גרעסטער סאָציאליסטישער גיגאנט — דער דניעפּערבוי. דעמדאָזיקנ קאָלאָסאלנ זיג פונ דער סאָציאליסטישער בויונג האָט געפּײַערט הײַיאָר, דעמ 1־טנ מײַ, צוזאמענ מיטנ פּראָלעטאריאט פונ ראטנפארבאנד דער גאנצער צווישנפעלקערלעכער פּראָלעטאריאט, פעסט שפּאנענדיק אונטער די פאָנענ פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, אינ זייער רעוואָלוציאָנערנ קאמפּ קעגנ דער אונטערגייענדיקער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, קעגנ דעמ וועלט־אימפּעריאליזמ — פאר דער אלוועלטלעכער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, פארנ אלוועלטלעכנ אָקטיאבער.

אָפּגעגעבנ אינ זאצ 32—10/X אונטערגעשריבנ צומ דרוק 32—20/X
פּאפּיר 90 × 62 — 35 קג אינ דרוק־בויגנ 42.000 צייכנס.

אינהאלט

אביסל געשיכטע 3

א טייל פונעם „גאָעלראָ“-פלאנ 8

דאָרט, ווו קיטשקאס, די דײַטשישע קאָלאָניע 10

א פּראָדוקט פונ אנטשיידענעם קאמפ 12

אויס שוועלנ—פריי דער דניעפּער! 20

א קילאָוואט־שאָ ווײַניקער פונ א־קאָפּיקע! 23

דעם 1־טנ מײַ אונ דעם 10־טנ אָקטיאבער 27

ניט אומזיסט ארײַנגעלייגט איזויפיל מי אונ מיטלענ 28

דער דניעפּער־קאָמבינאט אונ וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר 29

אויס אימפּאָרט פונ אליומיני! 30

„דניעפּערשטאָל“ 33

די נײַע סאָציאליסטישע שטאָט 39

דעם „דניעפּערבוי“ בויט דאָס גאנצע לאנד! 42